פּרייז 25 גראָשען VIII־טער יאָהרגאַנג „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" 26 (366) „Radomer-Kielcer Leben"

# ראַדאָמער־קעלצער לעבען

הײַנט 8 זייטן.

Radom, dnia 3 Lipca 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאג, י״ח תמוז תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

Oddział w Kielcach.

אַנאָנסען - פּרייזן:
אין מיליטעטער שורה: פאָרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ׳ן " 25 "
די 1־טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

## ווילדער סקאַנדאַל מיט געשלעג אין דער קהלה.

עהערנעכטען מיטוואָך איז דער ניי־געוועהלטער קהלה־ראט זיך צונויפגעקומען צום צווייטען מאָהל. די מיטוואָך׳דיגע זיצונג איז געווען געווידמעט דער אויסוואַהל פון א נייער פערוואַלטונג. דער ראט איז געקומען אין פולען קאָמפּלעט און די פאָרזיץ האָט געפיהרט דער פאָרזיצענדער פון דער וואַהל־קאָמיסיע פרנס ה. א. גאָלדבלום.

באַלד ווי די זיצונג האָט זיך געעפענט און ה׳ גאָלדבלום האָט ערקלערט, אז דער ראט טרעט־צו וועהלען א נייע פערוואַלטונג, איז נאָכדעם ווי דער סעקרעטאַר שווארצבערג לייענט פאָר די קאַנדידאַטען פון די 5 אריינגעטראָגענע ליסטעס פון אלע קהלה־פראַקציעס, נעמט א וואָרט דער פועל־ציוניסטישער פרנס גבריאל ווייסמאַן, וועלכער טראָגט אריין א פאָרשלאָג צו בעטראכטען דעם ענין פון דער הכחשה־ערקלערונג, וואָס די אַלטע קהלה־פערוואלטונג האָט געגעבען אין דער פרעסע אין צוזאמענהאַנג מיט די געשעהענישען אין ראדאָם. פאָרזיצענדער גאָלדבלום איז נישט מסכים, ערקלערענדיג, אז דאָס האָט נישט קיין שייכות צום טאָג־אָרדנונג, וואו עס שטעהט נאָר איין פונקט — וואַהלען פון א פערוואַלטונג. עס ענטשטעהט א פּאָלעמיק און ה׳ ווייסמאַן פערלאַנגט צו שטעלען זיין פאָרשלאָג צום אָבשטימונג און, אז מ׳זאָל עס בעהאַנדלען צווישען די פרייע פאָרשלאָגען, ה׳ ווייסמאַן מאָטיווירט זיין פאָרשלאָג דערמיט, וואָס דער ראט, וועלכער איז זיך יעצט צונויפגעקומען ברויך זיך ארויסזאָגען צי די געגעבענע הכחשה פון דער קהלה־פערוואַלטונג איז מיט זיין הסכמה. אזוי ווי דער פאָרשלאָג פון ה׳ ווייסמאַן בעגעגענט א ווידערשטאַנד פון א טייל פרנסים מישט זיך אריין די גאַלעריע, און שטיצט אונטער דעם פרנס ווייסמאַן. דערביי פאַלען צווישענרופען אויפ׳ן אדרעס פון דער אַלטער קהלה־פערוואַלטונג. עס ברעכט אויס א טומעל און דער פאָרזיצענדער נאָך עטליכע התראות פעראָרדענט אָבצולייזיגען די גאַלעריע. ה׳ ווייסמאַן פּראָטעסטירט און פאָדערט די פעראָרדנונג צוריקצוציהען, ווייל די גאַלעריע זענען די וועהלער מיט וועמענס כח חרשאה די פרנסים זיצען אויף זייערע בענקלעך. ה׳ ווייסמאַן ווענדעט זיך דאַן צו דער גאַלעריע און בעט איהר זי זאָל זיך בערוהיגען געבענדיג די מעגליכקייט צו פיהרען די זיצונג. ט׳ווערט קוים שטיל און ס׳הויבען זיך אָן די וואַהלען.

דאַ ברעכט אויס דער אמת׳ער סקאַנדאַל, בעגלייט מיט א וויסט געשלעג. אין מיטען אָבגעבען די שטים־צעטלען אין דער וואַהל־אורנע, שמועסען זיך איבער די צוהיצטע פרנסים און איינער פון די האַגדהערקער פרנסים ווענדעט זיך דאַן צום פרנס ווייסמאַן, אז ער וועט ברענגען א גאַלעריע וואָס וועט אָפּלערנען די איצטיגע גאַלעריע. ה׳ ווייסמאַן ענטפערט דערויף: לויט אייערע פאַרשטעהער קאָן מען שוין וויסען ווער אייער גאַלעריע איז. מ׳האָט נישט מעהר געברויכט. ס׳איז געווען א זאַפּאַלקע אין א פאַס פולווער, וועלכער האָט עקספּלאָדירט און ארויסגערופען א בלוטיגען קאַמפף. אויפ׳ן פרנס ווייסמאַן האָבען זיך געוואָרפען עטליכע פרנסים פון אַנדערע פראַקציעס און איהם בלוטיג צעשלאָגען, אויסהאַקענדיג א צאָהן. ווען דער פועל־ציוניסטישער פרנס דוד סטודניע איז צוגעלאָפען בעשיצען זיין חבר איז אויסגעבראָכען א פריש געשלעג ביז בלוט. בענקלעך, פלעשער און פעטש זענען געפלויגען אין דער לופט. דער גאַנצער ראט איז געוואָרען איין קנויל, א ווילד געשריי האָט געליאַרעמט און מיט געביילטע פויסטען האָט זיך איינער געריסען אין צווייטענס פנים, א לאַווע פון רוגזה, כעס און רציחה, האָט זיך צעגאָסען.

ענדע אויף זייט 7.

Głęboko dotknięty przedwczesną śmiercią

b. p. **Nusyna Zangiera**

składa wyrazy szczerego współczucia
drogiej PESCE i Rodzinie ZANGIER

*Simon Cukier*

**GAZOWNIA**
**MIEJSKA**

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען

**קעכלער** גאַזאָווע איינס און צוויי פלאַמיגע
**קעכלעך** פאַמילינע און האָטעלאָווע
**אייוועלעך** צום באָדען
**אייוועלעך** צום בראָטען
**אייזענס** צום פרעסען פאר פריוואַט און פאר שניידער
**הייצערס** צו פריזירער רעדלעך
**„טערמאַ"** אַטאָמאַטישע אויף צו דערוואַרמען וואַסער פאר דאָקטוירים, דענטיסטען, פריזירערס און עהנליכע פּראָפעסיעס.

אַלערליי גאַז־אַפּאַראַטען ווערען פערקויפט
——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———
די גאַזאָווניע פיהרט אויס שטוב־אינסטאַלאַציעס
—— אויף אויסצוצאָהלען אין 12 ראַטעס. ——
די גאַז־אַפּאַראַטען קען מען בעקוקען אין די סקלאַדעס פון די גאַזאָווניע אויף מלאָדזשאַנאָוו פון 10 ביז 2 נ. מ.
אַלע אינפאָרמאַציעס ערטיילט די ביוראַ פון די גאַזאָווניע טעל. 134.

# כ׳ תמוז.

כ׳ תמוז, דעם 5 יולי פאלט אויס דער יאָהרצייט פון טעאָדאָר הערצל.

27 יאָהר צוריק האָט זיך אָבגע־שטעלט דאָס אָנגעוועהטאָגט הארץ פון דעם גרעסטען יוד פון אונזער דור, דער פ־אפעט פונ׳ם מאָדערנעם אויפ־חאכענדען יודענטום. אין ליכט פון זיינע געדאנקען געהען׳ יעצט מיליאָ־נען פרייהייט־שטרעבענדע יודען. צענד־ליגער טויזענדער יוגענדליכע האָבען זיך אויסגעלערנט ביי איהם צו ליבען דאָס פאָלק און פאר זיין צוקונפט זיך מקריב צו זיין.

דאָס גאנצע יודישע פאָלק איז טראנ־פארמירט געוואָרען אין טאָג, ווען דער גרויסער פיהרער האָט געעפענט דעם 1־טען ציוג. קאָנגרעס, חעלכער איז געוועז דער אקומולאטאר פון די יודי־שע צרות און האָפנונגען, פון ענערגיע און וואפונג.

אין טאָג פון היי־יאָהריגען כ׳ תמוז חעלען נאָך דויערען די פערהאנדלונ־גען פונ׳ם 17 ציוג. קאָנגרעס — פונ׳ם גורל־קאָנגרעס פאר דער בעחעגונג. מיליאָנען יודען חעלען צושמידען צו דעם וואָס וועט זיך טהון אין באזעל, וואו ס׳איז געשטאנען דאָס וויגעלע פונ׳ם פאָליטישען ציוניזם. אין דעם טאָג וועט יעדער יוד, יעדער ציוניסט נאָך טיעפער בעגרייפען וואָס הערצל איז געווען פאר זיי, פאר זייער עתיד.

אין פערשידענע פונקטען פונ׳ם בוי־ענדען זיך א״י געפינען זיך יונגע וועל־דער, וועלכע הויבען אן פערשפרייטען אין די הייסע אריענט־טעג זייער שאָ־טען איבער דעם אנגעגליטען יודישען באָדען, געזונדט ווערט די לופט אין די אמאָל בלאָטיגע ערטער, וועלכע זענען מיט יודישע הענד געטרוקענט געוואָרען און פערוואנדעלט געוואָרען אין הערליכע ארבייטס־ישובים.

דאָס איז דער שענסטער, אייביגער, יונגער, בליהענדער דענקמאל פאר׳ן פיהרער, פאר ן ועגווייזער.

דער יער־הרצל — די גרינע בוימ־לעך אויף דעם נאציאָנאלען באָדען פון קרן קימת אין דער מאנומענט, וועלכען די בעפרייאונגס־בעוועגונג האָט אויפ־געשטעלט איף דור־דורות.

צוזאָמען מיט׳ן וואוקס פון דעם ענטשקלאפטען פאָלק, צוזאמען מיט דער מעהרונג פון נייע פעסטע לע־בענס־פאָזיציעס וואקסט אין א״י אויף דער יער־הרצל.

היי־יאָהר כ׳ תמוז וועט דאָס פוי־לישע יודענטום פלאנצען נייע וועלד־לעך, טויזענדער נייע בוימלעך אין גרויסען וואלד פון דעם בעגרינדער און פערווירקליכער פון אונזער רע־נעסאנס.

יעדער יוד וועט אין דעם טאָג אויסקלעבען אין זיינע הויז־פענסטער, געשעפטען, ווארשטאטען, ביוראס, שו־לען א. א. וו, די הערצעל־נאלעפקעס, וועלכע די קק״ל ־ קאָמיטעס אין אלע שטעדט וועלען פערקויפען.

די צוגענגליכע פרייזען (25 גראָ־שען, 50 גר׳, 1 זל׳ און 3 זל׳) וועלען דערמעגליכען יעדען נאציאָנאלען יוד ביי־טראָגען זיין תרומה פאר דער בעפעסטונג פון דעם הערצל־דענקמאל.

ס׳וועלען זיכער אויך נישט פעהלען די וואָס וועלען זעלבסטשטענדיג פלאנ־צען גאנצע בוימער (13.50 זל׳) און בעקומען איף דעם א ספעציעלען דיפלאָם.

דאָס פוילישע יודענטום וועט ווירדיג שטיצען די היי־יעהריגע כ׳ תמוז־אק־ציע פון קק״ל און וועט ווי תמיד ארויסווייזען די טיפע ליעבע און פער־שטענדניש צום שעפער פון דער נייער יודישער געשיכטע — צו טעאָדאָר הערצלען.




# פייגע ראצע איז קריניץ.

וואָס זאָגט איהר צו מיין פייגעלע? א פייגעלע, שוין איינמאָל א פייגעלע! אַנדערע זאָגען, אַז זי איז נישט קיין פייגעלע, נאָר אַ גאנצער פויגעל — אַ „פטאָשעק״ הייסט דאָס.

אזוי איז מיין פייגעלע אַ געזונטע, ווען נישט די „נאָפאָרען״ — און „נאָ־פאָדען״ בעקומט זי צוויי מאָהל אין יאָהר: דעם ערשטען „נאפאָד״ בעקומט זי אין מאַי, ווען ס׳בעווייזט זיך די זו־מער־זון און דער צווייטען „נאָפאָד״ בעקומט זי אדום חנוכה.

אַ דאָקטאָר האָט זיך מיין פייגעלע אויסגעזוכט אַ יונג מיט אַ שוואַרצע גזשיבע. מיט אַ פאר גרויסע אויגען, מיט געפרעסטע הויזען, אייביג מיט א גלאָטע ראָזירטע טראָמבע, נו, אין אַ חדוש וואָס ווען מיין פייגעלע דערזעהט איהם בעקומט זי א „פאָדווישאנע טעמ־פעראָטור?״...

שריי איך צו איהר: פייגעלע, וואָס טויג דיר אזא דאָקטאָר וואָס צוליעב איהם בעקומסטו אַ הויכע טעמפעראָטור? ווייניג אַלטע דאָקטוירים זענען דאָ אין ראָדאָם?

זאָגט זי: ניין, דער יונגער דאָקטאָר קאָן שוין איהר אָרגאַניזם, צו קיין אַנ־דערען דאָקטאָר האָט זי נישט קיין „זאַאופאַניע״, קיין שום דאָקטאָר וועט זי נישט אזוי „דאָגאָדזשען״ ווי דער יונגער דאָקטאָר.

נו — מילא טראַכט איך מיר, אַז זי האָט צו קיין אַנדערען דאָקטאָר נישט קיין „זאַאופאַניע״, אַז נאָך דער חברה מאַן מיט דער שוואַרצע גשיבע קען איהר „דאָגאָדזשען״ העלפט דאָך נישט.

אין טאָקע דער יונגער דאָקטאָר אַ גאנצער בן־בית ביי מיר אין שטוב. און היות ווי מיין פייגעלע בעקומט לעצטענס זעהר אָפט „נאָפאָדען״, האַלט ער זי אין איין „זבאָדען״, קלאָפט און האָרכט, האַלט אַ קרייד און מאַלעוועט. די בלייבט זעהען ביי איהר אויס ווי לאַנד־קאַרטע: פאַסיקלעך און פינטעלעך, רעדלעך און שטענגלעך.

פרעג איך דעם בחור: פאַניע דאָק־טאָזשע, זאָגט מיר, וואָס האָרכט איהר אזוי פיעל?

—דאָס האָרך איך, זאָגט ער צו די לונגען לעבען בשלום מיט׳ן הארץ...

—און אַז זיי לעבען נישט בשלום? פרעג איך איהם, וואָס זענט איהר עס אזא שטאַרקער רודף־שלומניק, וואָס?

נאָר נישט בין איך אייך אויסען צו דערצעהלען, איך וויל נאָר אויפמערק־זאַם מאכען אַנדערע מענער, וואָס האָ־בען ווייבער וואָס בעקומען „נאָפאָדען״ און האָבען „זאַאופאַניע״ צו יונגע דאָקטוירים, כדי זיי זאָלען נישט האָ־בען אַזאַ סוף ווי איך האָב.

הערט אַ מעשה:

מיט עטליכע וואָכען צוריק בעמערק איך, אַז מיין פייגעלע איז נישט די אייגענע, שייך צו זאָגען נישט די איי־גענע? ביי־טאָג אין די זעלבע ווי אַלע מאָהל. פאַרבט זיך און שמירט זיך, רויכערט פאַפיראָסען און מוטעלט מיט די שכנטעס. ביינאַכט איז זי די זעלבע ווי אַלע מאָהל, נאָר ביינאַכט ביינאַכט איז זי נישט די זעלבע — ס׳נעמט זי נישט קיין שלאָף, וואַרפט זיך און סטענקעט, דרעהט זיך אויף דער רעכ־טער זייט און אויף דער לינקער זייט, איך וויל שלאָפען, די אויגען קלעבען זיך און זי וועקט מיך:

—ברוך הערש, די שלאָפסט?

צומאָרגענס איך קום אַהיים, מיין פייגעלע ליגט אין בעט מיט אַ נאַס האנטוך פערבונדען דעם קאָפ און דער בחור מיט די שוואַרצע גזשיבע טהוט זי „זבאַדען״, קלאָפט און האָרכט, האָרכט און קלאָפט, קוקט איהר אין די אויגען אַריין און צעהלט איהר די ציינער, פרעגט זי אויס פאַרע געדאַנקען זי האָט געהאַט און דער שלאָפלאָזיג־קעט, ביינע געדאַנקען צו גוטע גע־דאַנקען.

— אייער פרוי, ערקלערט ער מיר ליידט פון אַ „ראָסטראָי נערוואָווי״.

—פון וואַנען, פרעג איך דעם „פראָ־פעסאָר״ מיט דער שוואַרצע גזשיבע. נעמט זיך צו מיין פייגעלען דער „סטראָי״?

איז וואָס, לויט אייער מיינונג, פאַניע

אפצונעמען א פערזיכערונג'ס-„פרעמיע". מעגליך, אז דאס האבן אויפן ה' יו—וויטש אויסנעקלערט זיינע שונאים אזא בלבול, אבער ווען מען רעדט דערפון איז עס נישט אזוי איבערראַשענדיג, ווייל קיינער וועט נישט שווערען, אז אין צוואנציגסטן יאהר הונדערט, איז נישט מעגליך אזא „פראַגרעס"...

# אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער יודישער גימנאזיע.

אין גימנאזיום „פשיאַטשול וויערזי" האט געזאלט פארקומען אין מאנאט יוני א אלגעמיינע פערזאמלונג פון די עלטערען. צוליב אבער טעכנישע שוועריגקייטען, וואס זענען ענטשטאַנען אין צוזאמענהאַנג מיט'ן פערענדיגען דאס שול-יאהר, האט די פערוואלטונג בעשלאסען די אלגעמיינע פערזאמלונג אבצולעגען אויפ'ן מאנאט סעפטעמבער ד"ה באלד אין אנהויב פון נייעם שול-יאהר ווען אלע עלטערן וועלען שוין צוריק זיין אין ראדאם נאך די זומער-פעריען.

# דער ביטערער טראפען, דער זיסער מין היפה און דער ליכטיגער חד = גדיא.

אין סקארזשיסק איז פארהאן א „קאסע פאר שפארזאמקייט און בוי-הלוואות". די דאזיגע קאסע איז א אבטיילונג פון מיסלאוויץ. — אין דער סקארזשיסקער אבטיילונג איז געווען דער אנפיהרער א געוויסער סטאַניסלאַוו קראוטשיק.

ווי געזאגט, אלזא, האט קראוטשיק געגעבענע הלוואות א. ז. וו. פערנומען א אנגעזעהענע שטעלונג, וואס איז איהם אנפערטרויט געוואָרען פון דער דערמאנטער אבער-שלעזישער פירמע. ער איז געווען פלעניפאטענט. האט אנגענומען „אורזאלאַווצעס", איינגעצויגען די ארמיניסטראציע-קאסטען און פראַצענטער פון די ארויס-

אין זיין טהעטיגקייטס-געביעט האט קראוטשיק אריינגענומען די פאוויאטען: ראדאם, דרילטש, אפט, קאָנסק און צוויזמער. מ'קאן זיך פארשטעלען, אז ער האט געהאט נישט קיין שלעכטען פאסטען, יודישע ביוראליסטען געזאגט נישט קיין ערגערען. קראוטשיק'ען אבער ווייזט אויס, איז דאס געווען וועניג, ווייל ער האט אנגעהויבען שמעקען צום ביטערען טראפען.

קראוטשיק האט, אפנים, געהאט מיט וואס צו פייפען. ער האט אויסגענוצט דעם צוטרוי, מיט וואס די פירמע האט איהם בעשאַנקען, אויך דעם צוטרוי פון די קליענטען און ער האט זייערע שווער-פערהארעוועטע, אבגעשפארטע גראשענס, וועלכע זיי האבען אריינגעלעגט אין באנק, פערנוצט פאר „איי-גען-נעברויך".

דער גענעראל-פלעניפאטענט האט אנגעהויבען פיהרען א הולטייסקע לעבען. געפראוועט בעלער און משתה'לעך. זיך צוגעכאפט צום ביטערען טראפען און עס פערזיסט מיט'ן שעהנעם מין, אין וועמענס געזעלשאפט ער האט פערשווענדעט די איהם אנגעטרויטע געלדער.

נישט בלויז אין סקארושיסק האט קראוטשיק געהוליעט, דאס וואלט געווען צו-קליינשטעטלדיג, צו פראָוויניציאנעל. ער האט געלעבט אויך א גוטען טאג אין א פך גרעסערע שטעט פון דער קעלצער וואיעוואָרסטווא.

ווי זאגט אבער די וועלט: א ברונעם שעפט זיך אויך אויס, איז דאס וועלבע געווען מיט פאן קראוטשיק. די פונדושען פון דער קאסע האבען זיך אויסגעשעפט. זיי האבען נישט געספארשעט אויף אזעלכע סטורה'לעך. א הוץ דעם האבען מענשען אנגעהויבען פערלירען צו איהם דאס צוטרוי, האט זיך דעריבער קראוטשיק געלאזט זוכען א נייעם קוואל פון פרנסה.

אלס אנגעזעהענע פערזענליכקייט אויף אזא שטייגער „פאוואַשנעם" פאסטען האט ער זיך געווענדעט צו דער דער צייטונג „גלאס טריבונאלסקי" אין פיעטרקאוו, וועלכע האט איהם איבערגעגעבען איהר פערטרעטונג אויף סקארזיסק. די דאזיגע צייטונג האט זיך זאגאר געזאלט בעווייזן אין סקארזשיסק אלס „גלאס-סקארזשיסקי". פון וועלכער דער רעדאקטאר איז בעשטימט געוועהן טאקע ער, קראוטשיק בכבודו ובעצמו.

בינו לבינו האט איהם די פאליציי גענומען אויפ'ן אויג. זי האט א לענגערע צייט איהם אבסערווירט און דער רעזולטאט פון איהר אויסשפיר-אקציע האט די פאליציי צונויפגעשטעלט א ענטשפרעכענדען בעלאסטענדיגען בעווייז-מאטעריאל געשמיצט פון צענדליגער עדות, וועלכע בעשולדיגען צונאמען קראוטשיק'ען און דעפראודירען א סומע פון 10.000 זל.

קראוטשיק איז אויפ'ן גרונד פון די דער דאזיגער אויספארשונג ארעסטירט געווארען אין טאג פון בעווייזען זיך

# אויף א דאטשע אין גארבאטקע.

ווי נאר ס'האבען זיך געשטעלט די ערשטע היצען האט מיין ווייבעל אנגעהויבען מרעיש עולמות זיין, אז כ'זאל איהר בעזאָרגען מיט א דאטשע, ווייל זי מוז, וואס זי גע'טענה'ט שוין ארויספאהרען אויף „לעטניסקא". דער קאפ טהוט איהר שוין וועה פון די היצען. זי קאן נישט שלאפען און אמ-מייסטען דערגעהט איהר די יאהרען דאס, וואס זי קאן נישט עסען. דאס לעצטע וואלט מיך נישט אזוי פיעל געאַרט. גלייכער, זאל זי אביסעל ווע-ניגער עסען. זי האט שוין אזוי אויך די וואג. אבער איהר קאפ-וועהטאג און איהרע שלאפלאזע נעכט האבען מיך בענומען און איך האב מסכים געווען צו פאהרען קיין גארבאטקע דינגען א דירה. אבער פריהער איידער כ'האב איינגעפאקט די זאכען האב איך אוועקגעלעגט א גאנצע עקספאזע און געבעטען זיך פשוט ביי מיין ווייבעל:

— בעדענק, שרה גיטעל, למען השם זאלסט לעבען גוט מיט דיינע שכנ'טעס. מיש דיך נישט אין אלע טעפ און שטעק נישט אריין די נאז וואו מ'ברויך נישט. קוק נישט קיינעם נאך אין זייה נישט באַט'ס קאזאק. וועססו אויסקומען מיט אלע מענשען און וועסט לעבען מיט יעדען בשלום. איך בעט דיך פערשאף מיר נישט קיין עגמת נפש, ווי ס'איז דיין געוואָהנהייט אלע יאהר.-

מיין ווייב האט מיר צוגעזאגט און איז ארויס מיט א מזל'דיגע שעה קיין גארבאטקע אויף דאטשע. ווי דער שטייגער בין איך יעדען שבת צוגעפאהרען און טליכע וואָכען איז געווען אין בעסטען ארדנונג — אל-רייט. מיין ווייב האט געלעבט מיט די שכנ'טעס ווי אין א גן-עדן. מ'האט זיך געגעסען פון די פיסקאלעך און מ'האט זיך געווינשען ס'אייביגע לעבען.

אנומעלט קום איך מיר אזוי ארויס קיין גארבאטקע אויף שבת און פלוצלינג האב איך אינסטינקטיוו דערפיהלט אז ס'איז עפעס געשעהן. מיר איז באלד אויפגעפאלענד געוואָרען, וואס שרה גיטעל איז נישטא ביים באהן און קיינער פון מיין פאמיליע ווארט מיך נישט אָן ווי זייער שטייגער יעדען פרייטאג. אהא — טראכט איך מיך ס'איז שוין עפעס געשעהן. דאס איז עפעס נישט קיין פשוט'ע זאך. און איך האב קיין טעות נישט געהאט.

ווי נאר כ'האב איבערגעטרעטען די שוועל פון מיין כאטע האט מיך מיין ווייבעל מקבל פנים געווען מיט א ביטעל ספאנעמען, אז ס'איז מיר נישט גוט געוואָרען אונטער'ן הארץ. איך פרעג מיך: וואס איז געשעהן? וואס איז פארגעקומען? איך בעט מיך ביי שרה גיטעל זי זאל רעדען א וואָרט, עפעס דערצעהלען. אבער שרה גיטעל רק זי וויינט און קלאַנט און שרייט, אז שוין כאטש זאל איך איהר אהיים נעמען צוריק קיין ראדאם. קוים מיט צרות האט מיין שרה גיטעל געעפענט ס'מויל און מיט פערוויינטע, געשוואָלענע אויגען גענומען דערצעהלען א גאנצע געשיכטע און דאביי געשאלטען די שכנ'טעס מיט ביטערע קללות, אשר בכן, וואס זיי האבען אויף איהר געמאכט א בלבול, אז זי האט זיך אריינגענומען א שייגעץ אויף א גאנצע נאכט. איך בין געבליבען שטעהן ווי צעמישט. כ'האב נישט געוויסט צי זאל איך וויינען, אדער לאַכען. נישט קיין מיאוסער שייגעץ — טראכט איך מיר — האט דאס געמוזט זיין, וואס איז געווען

# קעלצער אבטיילונג.

## שטורמישע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער פאלק'ס-באנק.

עס איז אפשר געווען פאדאויסצוזעהן אז די היי־יעהריגע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער פאלקס-באנק וועט נישט א דורך אזוי רוהיג ווי שטענדיג. נאך מיט חדשים צוריק האט מען געוואוסט אז עס גרייט זיך א אפאזיציע וואס זאמעלט אלערליי חשאים און פעהלערן פון דער אלטער לייטונג, בכדי צו קומען אויף דער אלגעמיינע פערזאמלונג מיט ריזיגע פרעטענסיעס.

אבער, אז דער טומעל אין ווילדער כאאס זאל דערגרייכען צו אזא מדרגה, אויף דעם האט זיך קיינער נישט גערעכט. די קריטיק איז לגמרי נישט געווען קיין זאכליכע. דאגעגען האט האט זי געטראגען מעהר א פערזענליכען כאראקטער. אנשטאט ארויסצוווייזען א זארג און ווילען צו סאנירען די לאגע פון דער באנק האבען פיעל „קריטיקער" ארויסגעשלעפט פון ארסענאל פערעלטער־נישט געשטויגענע פליאטקעס און מיט אזא „מאטעריאל" רעזשיסירט א שטורם וועלכע האט, בלי ספק, געברענגט פיעל שאדען דער באנק.

פארזיצענדער פון דער פערזאמלונג איז געווען ה׳ וו. קלופקא. די ענג־שאפט אין זאל איז געווען אזא גדוי־סע, אז פיעל מיטגלידער זענען דורך דער גאנצער צייט געשטאנען אויף דער גאס ביי די פענסטער פון דער באנק און זיך צוגעהערט צו די פער־האנדלונגען. דער עולם קאן זיך בשום אופן נישט בערוהיגען און איינזיצען אויף די ערטער. געהט ארויף אויף דער טריבונע א רעדנער, וואס וויל פערטיידיגען די אלטע לייטונג, שטו־רעמט די אפאזיציע אזוי לאנג ביז יענער מוז רעזיגנירען פון רעדען. ענד־ליך ביי א גרויסער אנשטרענגונג גע־לונגט צו דערפיהרען ביז וואהלען. דא הויבט זיך אן דער אמת׳ער שטורם.

עס זענען אריינגעטראגען געווארען 4 ליסטעס. איינער פון די פערזאמעלטע פאדערט, אז די אבשטימונג זאל זיין א געהיימע. דאס איז אבער אונמעג־ליך דורכצופיהרען און עס געלונגט קיים צו פועל׳ען, אז דער פארשלאג זאל צוריקגעצויגען ווערען.

דעם פארזיץ נעמט איבער ה׳ י. קאהן, וועלכער פירט אדורך די אב־שטימונג.

די גרעסטע צאהל שטימען האט בע־קומען די ליסטע 2. אין ראט זענען געוועהלט געווארען די ה״ה: נחמיה קייזער, נפתלי טענענבוים, א. מאנעטא, הירשל קאכען, ד. פאמעראנצבלום, נ. זייפמאן, י. בערקאוויטש, א. פינקעל־שטיין, ג. גאלדוואסער, ש. לייכטער, וו. וולאשטשאווסקי און י. בימקא. אלט פערטרעטער: א. בלומענפעלד, ש. בע־קערמאן, א. באראנקיעוויטש, ש. אור־ביימעל, ש. שטארקמאן און אראנא־וויטש.

אין דער פערוואלטונג: בערנארד בוגאיער, חיים טענענבוים, י. ראפא־פארט, ז. ברוקער און י. פרייס. אלס קאנדידאטען די ח״ה ז. רזיאדיק און א לעווי.

צוזאמענגענס אין פארגעקומען די קאנסטיטואירונגס זיצונג פון ראט און פערוואלטונג. אלס פרעזעס פון ראט איז געוועהלט געווארען ה׳ נ. קייזער, אלס וו. פרעזעס ה׳ א. מאנעטא. אלס פרעזעס פון פערוואלטונג איז געוועהלט געווארען ה׳ בערנארד בוגאיער, אלס וו. פרעזעס ה׳ חיים טענענבוים.

די נייע לייטונג, וואס בעשטעהט פון פעהיגע און איבערגעגעבענע מענשען, גיעט די גאראנטיע, אז דער אנזעהן און הויך פון דער פאלקס-באנק וועט זיך איצט פיעל פערגרעסערען.

די ביז איצטיגע לייטונג פון דער פאלקס-באנק, און אויך דער רעווידענט פון רעוויזיאנס פערבאנד ה׳ מיכעלסאן בעטען אונז צו פערעפענטליכען, אז די ידיעה אין אגודה׳שען בלעטעל „טאגבלאט" אז די פאלקס באנק זאל האבען געגעבען עפעס 3 טויזענד זל. פאר דעקען א חוב פון ד״ר קלומעל, איז א נידערטרעכטיגער שקר און פערדינט נישט די מינדערסטע אויפ־מערקזאמקייט.

געגען דער דאזיגער העצע איז אויב׳ן פארשלאג פון ה׳ נחמיה אסטרא־וויטש, עפענטליך פראטעסטירט געווארן אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

W. PROSZOWSKI
FELCZER
KIELCE, ul. St. Warszawska 37
powrócił.




GARBATKA
PENSJONAT
L. Rozenbergowej
DLA DZIECI i MŁODZIEŻY.
Pięknie i w centrum położona willa, światło elektryczne. Słoneczne i śliczne pokoje z całodziennem utrzymaniem. Smaczna wykwintna kuchnia rytualna, na żądanie jarska. — Troskliwa opieka pod kierunkiem wykwalifikowanej wychowawczyni.
Otwarcie pensjonatu dnia 1-go Maja 1931 r.
Przez miesiące MAJ, CZERWIEC pokoje dla dorosłych.
Ceny przystępne.

### א פארזיכטיגע ווירטין

היינט נאך מעהר ווי שטענדיג זארגט די ווירטין וועגען איהר וועש, וועלענ־ריג אויף וואס לענגער דערהאלטען די פרישקייט און די נישט שעדיגונג. און דאס איז נור אבהענגיג מיט א וואסער סארט זייף מען בענוצט. א ביליגער, א נישט בעקאנטער סארט זייף גיט א פראוויזארישע איינשפארונג, אבער די אונבעדייטענדע אונטערשיעד פון פריין פון דעם בעוויסטען זייף יעלען שיכט לוינט זיך געוויס, ווייל דער לייכטער זייף פון דעם בעסטען מין קאנסערווירט אמבעסטען די וועש.




(ענדע פון זייט 1)

איבער׳ן גאנצען קהלה-ראט. און מיט גרויס מיה איז קוים געלונגען אבצוי־שטעלען דאס געשלעג. דער פראטאקאל בוך פון די זיצונג איז געווארען בע־גאסען מיט בלוט. די פרנסים סטורניע און ווייסמאן, ווענדען זיך דאן פערבלו־טיגטע צום פרעסע-טיש מיט׳ן אויסרוף: זעהט וואס דא קומט פאר.

מ׳האט פארטגעזעצט די וואהלען אין א הייס-אנגעגליחטע אטמאספערע און אונטער׳ן שווערען, פיינליכען איינדרוק פון שרעקליכען סקאנדאל. דער רעזול־טאט פון די וואהלען איז פאלגענדער: ליסטע נומ. 1 ציוניסטען האבען צוויי דאזארעס אין דער נייער פערוואלטונג: מ. ל. פישמאן, גראנעק; ליסטע 2 עדת־ישראל 3: יונה זילבערבערג, יוסיל גראדאוואטשיק און יודעל גאסטינסקי; ליסטע 3 האנדווערקער האט בעקומען 2: בנימין האכמאן און חיים קארמאן; ליסטע 4 דעמאקראטען און אגודת האט בעקומען 4 מאנדאטען: חיים ניימאן, אשכנזער, אבא האך, שאפירשטיין; ליס־טע נומ. 5 פועל-ציון — 1 מאנדאט, סטודניע.

עס איז געווען א טרויריג, זעהר טרויריג בילד, וואס האט די מעהר רוהיגערע אויפגעשוידערט און ארויס־גערופען ביי זיי דעם גרעסטען צארן. פערשידענע שטורמען האט שוין די ראדאמער יודישע קהלה איבערגעלעבט אבער צו אזעלכע בלוטיגע קאמפען איז קיינמאהל נישט געקומען. ס׳איז פיינליך, שמערצליך, אז אין א יודישע קהלה זאל בלוט פערגאסען ווערען. מיט די לעצטע בלוטיגע געשלעגערייען וועט פערשריבען ווערען א פינסטער, טרוי־ריג קאפיטעל אין פנקס פון דער רא־דאמער יודישע קהלה.

# ערקלערונג.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן „מעמאריאל" צו דער עפענטליכקייט פון ה' שמעון פריד אין ראדאמער-קעלצער לעבען № 24 דערקלערען מיר:

מיר געפונען נישט פאר נויטיג אריינצוגיין אין א פאלעמיק איבער א זידל-אנפאל, וועלכער איז געווען דיקטירט פון צערייצטער פאנטאזיע און נאאיווע קנאה-געפיהלען אלס פועל-יוצא פון א עקזאמען-דורכפאל.

מיר שליידערן אפ מיט פולער פעראכטונג די העסליכע, זינלאזע רכילות און בייזוויליגע שקרים פון ה' שמעון פריד, סט. יורי, צוציענדיג גלייכצייטיג דעם פאשקוילאנט צו פעראנטווארטליכקייט פאר'ן קרייז-געריכט.

**גארפינקעל, אפאטאווסקי.**

# באריכט

## פון עלטערן-קאמיטעט ביי דער 7-קלאסיקער „שול-קולט" שולע אין ראדאם. פונם שול-יאר 1930—31.

דערמיט האבען מיר אונטערגעשריבענע מיטגלידער פון עלטערן-קאמיטעט, דעם כבוד איבערגעבען דער עפענטליכקייט א באריכט וועגן אונדזער מיטארבעט מיט דער שול-פערוואלטונג במשך פונ'ם שול-יאר און גלייכצייטיג פארצושטעלען א בילד ווי אונדזער שול האט זיך אנטוויקלט ביז איצט. מיט א קנאפן יאר צוריק האבען מיר נאך אליין נים געגלויבט מ'זאל קענען דא אין ראדאם דערהאלטען, אנטוויקלען און דערפירן ביז אזא הויכע מדרגה א יידישע שולע. און דאך האבען מיר. טראץ אלע שוועריגקייטן, א שולע וועלכע פארדינט מ'זאל מיט איר שטאלצירן, אונדזערע שילער קענען דינען אלס מוסטער פאר אלע קינדער פון שטאט מיט זייערע ידיעות און מיט זייער דערציונג. דאס איז קלאר דערוויזען געווארן בעת די זייער געלונגענע עקזאמענס פון אונדזערע שילער אין די היגע גימנאזיעס. צוגעטראטן זענען די קינדער צו די עקזאמענס אויפן פארלאנג פון עלטערן-קאמיטעט, כדי צו הערן די מיינונג פון פרעמדע וועגן זיי, און אלע וועלכע זענען צוגעטראטן צו די עקזאמענס האבן געקריגן אויסגעצייכנטע אפשאצונגען פון אלע געגענשטאנדן (פון 4-טן דובינשטיין, וואל 7 אין 2 קל. גימנ., פון 3-טן קל. קאפער, וואל אין 1 קל. גימנ., פון 3-טן קל. גאלדבערג לובל. 26 אין 1 קל. גימנ. און פיל אנדערע). די קלאסיפיקאציע-עקזאמענס פון די שילער האבען געגעבן אן איבפאזאנט בילד פון די אנשטרענגונגען פון דער „שול פארוואלטונג און פון לערער-פערסאנאל, און זיי האבן איבערגעשטיגן אלע אונדזערע דערווארטונגען. ביי די עקזאמענס איז אנוועזנד געווען דער שול-אינספעקטאר פון ראדאמער קרייז, וועלכער האט זיך זייער גינסטיג אויסגעדריקט וועגן דער מדרגה פון די עקזאמענס. גאמענדיק דאס אלץ אין אכט האלט דער עלטערן קאמיטעט פאר זיין פליכט אויסצודריקן דער פערוואלטונג פון דער שולע און דעם לערער-פערסאנאל א הארציקן דאנק פאר זייער געוויסנהאפטער און פרוכטבארער ארבעט.

מיט אכטונג

עלטערן - קאמיטעט

ראדאם ד. 30 טשערווינץ 1931. ביי דער „שול-קולט" שולע

| | | |
|---|---|---|
| יחיאל גרינבערג | ישעיה אייגער | משה לעפלאו |
| בנימין קאפער | י. פינקעלשטיין | יחיאל קאפער |
| שמואל אלי מארגוליס | א. גאלעמביאווסקי | משה הייגשטאק |
| ד. זיידמאן | נתן קאפלאן | שמואל איידעלבוים |

# דאנקזאגונג.

מיר אונטערגעשריבענע עלטערן, וועמענס קינדער לערנען אין דער 7-קלאסיקער „שול-קולט" שולע אין ראדאם דריקן דא אויס אונזער הארציגסטן דאנק און יישר-כח דער פערוואלטונג פון דער שולע און דעם לערער-פערסאנאל פאר זייער איבערגעגעבענער און ענערגישער פעדאגאגישער ארבעט ביי דער דערציונג און בילדונג פון אונזערע קינדער; די רעזולטאטן פון זייער אינטענסיווער פעדאגאגישער ארבעט האבען איבערגעשטיגן אלע אונזערע דערווארטונגען. אונזער צוטרוי צו דער שול-פארוואלטונג און לערער-פערסאנאל איז איצט, נאך די קלאסיפיקאציע-עקזאמענס מיט די שילער, וואס האבן באוויזן די ערנסט זענען זייערע אונשטרענגונגען, נאך פיל גרעסער ווי פון אנפאנג יאר. גלייכצייטיק דריקן מיר אויס אונזער טיפער אנערקענונג דעם עלטערן-קאמיטעט ביי דער שולע, וועלכער האט מיטגעארבעט מיט דער שול-פארוואלטונג און מיטגעהירט, די שולע זאל אין משך פון דער קורצער צייט זיך אזוי פיין אנטוויקלען. דער שול-פארוואלטונג, דעם לערער-פערסאנאל און דעם עלטערן-קאמיטעט ביי דער שולע ווינטשן מיר גרויסן דערפאלג אין זייער ווייטערדיקער ארבעט.

מ י ט א כ ט ו נ ג

| | | |
|---|---|---|
| אהרן גאלדבערג | א. פראשקער | שמשון קארמאן |
| ירמי גאלדשטיין | יצחק פרידמאן | בנימין חאראוויץ |
| הערמאן מענדעלזאן | חיים מארגוליס | יצחק רובינשטיין |
| יצחק בארענשטיין | מאטל קארמאן | שמואל קעסטענבערג |
| הערש גריינעץ | איתמר גורפינקעל | ד. לאנדוי |
| ה. ל. הימעלפארב | שמואל קארמאן | ש. סאנקעוויטש |
| משה ראזענבוים | מרדכי געליבטער | |

# בעקאנטמאכונג

## די פערוואלטונג פון דער „שול - קולט" שולע

האט דעם כבוד מודיע צו זיין די פעראינטערעסירטע עלטערן, אז אלס שולע מיט רעגירונגס רעכט, מוז זי לויט דער פאראָרדנונג פון דער שול מאכט, אפלאזן די קינדער אויף 2 מאנאטן וואקאציעס.

גלייכצייטיק מעלדען מיר, אז איינשרייבונגען בעגען עקזאמענס צו אלע קלאסן פון פרישע שילער אויפ'ן שול-יאר 1931—32 וועלן פארקומען פון 20-טן שערפיען ביז'ן 5-טן ווזשעשען.

מיט אכטונג

די פערוואלטונג פון דער 7-קלאסיקער „שול-קולט" שולע אין ראדאם

— די — שענסטע **טאפעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאנג-יעהריגער פירמע

**ש. שטיינמאן**

ראדאם, לובלינער 21.

**ענגליש** איבערזעצונגען פון ענגליש ענגלישע און פוילישע האנדעלס-קארעספאנדענץ

ערשטקלאסיג — מייסטערהאפט

ראדאם, זשעראמסקי (לובלינער) 14, וו. 2

אין די שעהן 7—9 פריה אין אווענד.

Felczer H. GRINSZTEJN Żeromskiego 30 Szczepienie ospy.

Redaktor Ch. M Herc Drukarnia Wyd. Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20